# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל | בני ברק

בס"ד

# אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵיינֶען



# דִּי מַעֲשֶׂה פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִין דִּי מְעָרָה

# דִּי מַעֲשֶׂה פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִין דִּי מְעָרָה

אַמָאל זֶענֶען גֶעזֶעצְן דְרַיי גְרוֹיסֶע תַּנָאִים: רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, רַבִּי יְהוּדָה, אוּן רַבִּי יוֹסִי אוּן זַיי הָאבְּן גֶערֶעדְט, רַבִּי יְהוּדָה הָאט גֶעזָאגְט דֶער רוֹימִישֶׁע קֵייסֶער אִיז אַ וואוֹילֶער קֵייסֶער עֶר מַאכְט שֵׁיינֶע בְּרִיקְן אוּן גַאסְן. רַבִּי יוֹסִי אִיז גֶעזֶעצְן שְׁטִיל אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט: דֶער רוֹימִישֶׁער קֵייסֶער אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער קֵייסֶער, עֶר מַאכְט גְזֵירוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר לָאזְט אוּנְז נִישְׁט הַאלְטְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס עֶר מַאכְט אִיז וֵוייל עֶר וִויל נָאכְדֶעם בֶּעטְן פוּן אוּנְז אַסַאךְ גֶעלְט.

וֶוען דֶער רוֹימִישֶׁער קֵייסֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: רַבִּי יְהוּדָה וֶועט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה, וֵוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין אַ גוּטֶער

קֵייסֶער, רַבִּי יוֹסִי וֶועט מֶען פַארְשִׁיקְן צוּ דִי שְׁטָאט צִיפּוֹרִי, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס זָאלְן אִיהְם דִי פָּאלִיצַיי אוֹיפְזוּכְן אוּן כַאפְּן אוּן הַרְגֶ'עֶנְעָן.

וֶוען רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין שׁוּהְל מִיט זַיין זוּהְן רַבִּי אֶלְעָזָר אוּן גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בַּייטָאג אוּן בֵּייַנַאכְט אוּן נִישְׁט אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען.

דִי וֵוייבּ פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ עֶסְן יֶעדְן טָאג, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיקְל צַייט, דִי פָּאלִיצַיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ זוּכְן וִוי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז בַּאהַאלְטְן, הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי מוֹרָא גֶעהַאט אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ זַיין וֵוייבּ אוּן זֵיי וֶועלְן אִיהְר זָאגְן "אַז אוֹיבּ זִי זָאגְט נִישְׁט אוֹיס וִוי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעפִינְט זִיךְ וֶועלְן זֵיי אִיר הַרְגֶ'עֶנְעָן", אוּן זִי וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן זִי וֶועט פַארְצֵיילְן, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן שׁוּהְל אוּן גֶעגַאנְגֶען וֵוייט

וֶוייט און זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאכְּן אַ מְעָרָה (אַ לָאך אִין אַ בַּארְג) און דָארְטְן הָאבְּן זֵיי זִיך בַּאהַאלְטְן און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי זֵיי זֶענֶען, נָאר דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וָואס וֵוייסְט אַלֶעס און זֶעהְט אַלֶעס נָאר עֶר הָאט גֶעוואוּסְט.

דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעמַאכְט אַ נֶס און עֶס אִיז גֶעוַואקְסְן דָארְט אִין דִי מְעָרָה אַ בּוֹים פוּן בָּאקְסֶער, און דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן, און אַזוֹי אִיז אוֹיך אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דָארְט אַ קְוַואל וַואסֶער, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ טְרִינְקֶען. און יֶעדְן פְרֵייטִיג אִיז גֶעוַואקְסְן אוֹיפְן בּוֹים טֵייטְלֶען לְכָבוֹד שַׁבָּת.

דִי קְלֵיידֶער הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעטוּהְן כְּדֵי סְ'זָאל נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן, און זֵיי הָאבְּן זִיך פַארְדֶעקְט מִיט זַאמְד, און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַ גַאנְצֶע צֵייט, נָאר וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוְונְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעטוּהְן זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, אַזוֹי הָאבְּן דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זִיך גֶעפִירְט צְווֶועלְעוו יָאר זֵייעֶנְדִיג אִין דִי מְעָרָה.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער תַּנָא רַבִּי יוֹסִי גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר רַבִּי שִׁמְעוֹן אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וֶועמֶען עֶס צוּ שִׁיקְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וואוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּאהַאלְט זִיךְ, הָאט עֶר עֶס גֶעלֵייגְט אִין אַ טוֹיבֶּעלֶע'ס מוֹיל אוּן דִי טוֹיבֶּעלֶע אִיז גֶעפְלוֹיגְן פוּנְקְט בִּיז דִי מְעָרָה וואוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶענוּמֶען דִי בְּרִיוו, אוּן הָאט אִים שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו דוּרְךְ דִי טוֹיבֶּעלֶע

נָאךְ צְוֶועלֶעוו יָאר אִיז דֶער רוֹימִישֶׁער קֵייסֶער גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעזָאגְט וֶוער וֶועט דֶערְצֵיילְן פַאר רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז דֶער רוֹימִישֶׁער קֵייסֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט מוֹרֶא הָאבְּן אוּן עֶר קֶען שׁוֹין אַרוֹיס גֵיין, קֵיינֶער וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט אַוואוּ עֶר אִיז, הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעשִׁיקְט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא עֶר זָאל גֵיין צוּ דִי טִיהְר פוּן דִי מְעָרָה אוּן זָאגְן: "רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי מִיט רַבִּי אֶלְעָזָר, עֶנְק קֶענֶען שׁוֹין אַהֵיים גֵיין

וַוייל מְ'זוּכְט עֶנְק שׁוֹין נִישְׁט וַוייל דֶער רוֹימִישֶׁער קֵייסֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן".

וֶוען רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי מִיט זַיין זוּהְן זֶענֶען אַרוֹיס אוּן גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן ווִי מֶענְטְשְׁן אַרְבֶּעטְן אִין פֶעלְד אוּן לֶערְנֶען נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אִיז גֶעוָוארְן פַארְבְּרֶענְט, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אוּן גֶעזָאגְט: "צוּ חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט זֶענֶען עֶנְק אַרוֹיס גֶעקוּמֶען, גֵייטְס שְׁנֶעל צוּרִיק אִין מְעָרָה", אוּן זֵיי זֶענֶען צוּרִיק אוֹיף נָאךְ אַ יָאר בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט נָאךְ אַ בַּת קוֹל אַז זֵיי קֶענֶען שׁוֹין אַהֵיים גֵיין.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן ווִי אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט מִיט צְוֵויי הֲדַסִים הָאבְּן זֵיי אִיהְם גֶעפְרֶעגְט צוּ וָואס אִיז דָאס? הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, הָאבְּן זֵיי אִיהְם גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ צְוֵויי? הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אֵיינְס וֶועגְן "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת" אוּן

אֵיינְס וֶועגְן "שָׁמוֹר אֵת יוֹם הַשַּׁבָּת" וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרֶה. הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט פַֿאר זַיין זוּהְן רַבִּי אֶלְעָזָר קוּק וִוי אַזוֹי דִי אִידְן הָאבְּן לִיבּ דִי מִצְווֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרֶה.

וֶוען רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע פַֿייעֶר פוּן הִימְל אוּן עֶס הָאט אַרוּם גֶענוּמֶען זַיין שְׁטוּבּ, וֶוען מְ'הָאט אִיהְם אַרוֹיס גֶענוּמֶען מִיט זַיין בֶּעט אִיז גֶעשֶׁעהְן אַ נֵס אַז דִי בֶּעט הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִין דִי לוּפְט אוּן סְ'אִיז גֶעפְלוֹיגְן בִּיז מִירוֹן וֵוייל פוּן הִימְל הָאט מֶען גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל דָארְטְן לִיגְן אוּן דָארְטְן זָאל זַיין דִי קֵבֶר פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

דִי קְלֵיינֶע דָארְף מִירוֹן אִיז אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ דָארְט לִיגְט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוֹיף דֶעם פְּלַאץ פָּארְן אִידְן דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן אוֹיף רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת אוּן מְ'שֶׁערְט דָארְט אָפּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס וֶוערְן דְרֵיי יָאר אַ גַאנְצֶע יָאר.

דִי קוּמֶענְדִיגֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּן זוּנְטִיג וֶועלְן טוֹיזְנְטֶער אִידְן פָארְן קֵיין מִירוֹן, וַוייל דֶעמָאלְטְס אִיז דִי יָארְצַייט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִין דֶעם טָאג אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל אוּן אִין דֶעם טָאג אִיז עֶר אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מְעָרָה.

אַ טָאג פוּן אַ יָארְצַייט פוּן אַ צַדִיק אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג, מֶען צִינְדְט אָן לְכָבוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַסַאךְ לִיכְט מְ'מַאכְט פַייעֶר'ס אִיבֶּעראַל אוּן מְ'טַאנְצְט בַּר יוֹחָאִי לְכָבוֹד דִי יָארְצַייט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

אִין דֶעם טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא נִישְׁט נִפְטָר גֶעוָוארְן וֶועגְן דֶעם מֶעג מֶען לַ"ג בָּעוֹמֶר הֶערְן מוּזִיק אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן מַאכְן חֲתוּנוֹת אוּן אַסַאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער שֶׁערְט מֶען אָפּ אוּן מְ'מַאכְט זֵיי פֵּיאוֹת.

תּוֹרָתוֹ מָגֵן לָנוּ, הִיא מְאִירַת עֵינֵינוּ, הוּא יַמְלִיץ טוֹב בַּעֲדֵנוּ, אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאִי: